# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת מטות מסעי תשפ"ד שנה י | גליון מס' 544



ת.ד 102 בני ברק | פקס : 03-5055919

9139191@gmail.com


## פתחו שערים

### די ווארט פונעם גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'

דעם קומענדיגן פרייטאג ה' אב גייט אויספאלן די יארצייט טאג פון דער הייליגער אר"י הק'.

ווי מיר אלע ווייסן האט דער הייליגער אר"י הק' מגלה געווען דער תורת הסוד פאר די וועלט און נאך היינט איז די הנהגה א נר לרגלינו פון דעם דור.

די העכערע הנהגה וואס דער אר"י הק' האט מנחיל געווען פאר די אידישע איז נתקבל געווארן ביי אלע שיכטן און קרייזן פון די אידישע וועלט. נישט נאר די וואס זענען עוסק אין דעם תורת הסוד זענען עוסק אין דעם, נאר אויך אין די ספרי הפוסקים ווערט ער אראפגעברענגט און מען רעכענט זיך מיט זיינע מנהגים אויף הלכה למעשה.

צווישן די הייליגע הנהגות וואס ער האט מקפיד געווען אויף איר איז די קפידא אז מען זאל ענטפערן אמן יעדן טאג נאך ברכת השחר.

דער שלחן ערוך ברענגט אראפ סימן [ו. ד.] אז מען זאל מאכן ברכת השחר בצוותא, אז יעדער זאל קענען נאכזאגן אויף דעם אמן.

אויפ'ן ארט צייכענט צו דער 'שערי תשובה' [ה] אז די אריה"ק האט זיך אויך אזוי געפירט.

מיר ברענגען דא אראפ די ווערטער פון דער שערי תשובה: "ובשם האר"י ז"ל כתבו שהיה שומע ברכות השחר מהמתפללים בבית הכנסת, אפילו היו מאה - היה עונה אמן אחריהם".

ווען מען איז זיך מתבונן אין איר לערנט מען ארויס פון איר א מורא'דיגע זאך. מען זעט אז אויך אזא צדיק נשגב ווי דער אריה"ק וואס יעדער ריר איז געווען געבינדן מיט יחודים נפלאים ונשגבים האט טאג טעגליך מקדיש געווען פון זיין צייט צו ענטפערן אמן נאך די ברכת השחר.

צו זיין ארט אין שול זענען צוגעגאנגען די גרויסע תלמידים, זיי האבן זיך געשטעלט אין די רייע און פארגעזאגט די ברכת השחר און ער האט געענטפערט נאך זיי אמן, אז עס האבן געקענט שטיין אפילו הונדערטער מענטשן אין די רייע.

אז דער הייליגער אר"י האט זיך אזוי געפירט איז עס מחייב יעדן איינעם, עס לערנט אונז אויס די חשיבות פון די זאך, ווי גרויס עס איז די מצוה.

עס איז פאסיג צו צושטעלן די באקאנטע מעשה וואס מען דערציילט איבער די פעטערבורגער שול אין יום כיפור. ווי עס איז דער מנהג ישראל אין אלע עשירים פארקויפט מען די עליות אין שול. דער גבאי האט זיך געשטעלט פארקויפן די עליות און אזוי ווי יום כיפור קומען דאך אריין אין שול אויך אזעלכע וואס זענען ליידער ווייט פון שמירת התורה והמצות און ווען זיי האבן געהערט אז מען פארקויפט די עליות, האבן זיי אנגעהויבן ארויפציען די פרייזן.

מען האט דאן פארקויפט די פתיחה פון נעילה און עס האט זיך אנגעהויבן א וויכוח צווישן די עשירים פון שטאט. די פרייזן זענען ארויף העכער און העכער, ענדע האט זיך עס געשלאסן ביי די פאנטאסטישע סומע פון צוויי און א האלב טויזנט רובל און א איד וואס איז ליידער געווען זייער ווייט פון תורה ומצות האט זוכה געווען אין די עליה.

ווען דער גבאי איז געקומען צום עושר און אים איינגעמאלדן אז נאך אביסל דארף ער צוגיין צום ארון הק' און עס עפענען האט זיך דער אומוויסנדער עושר אויסגעדרייט צו זיין שכן און אים געפרעגט וואס איז דער באדייט פון די עליה וואס ער האט געקויפט.

דער איד האט אים געזאגט אז מען עפענט די ארון הק' און אז עס איז אן עת רצון, אבער ער האט נישט געקענט פארשטיין וואס גייט דא פאר.

"אז דו ווייסט נישט פון וואס עס רעדט זיך - פארוואס האסטו ארויפגעצויגן העכער און העכער די פרייז?".

דער עושר האט אים געגעבן צו פארשטיין.

"איך בין אריינגעקומען אין שול און כ'זעה אז די גרעסטע סוחרים פון פעטערבורג שלאגן פאר גרויס געלט צו קויפן א זאך. און וויסן וואס די זאך איז האב איך זיך אנגעשלאסן אין די פארמעסט. צו זיך האב איך געמאכט א חשבון אז כ'ווייס טאקע נישט פון וואס מען רעדט, אבער זיי ווייסן דאך יא".

די זעלבע זאך זאגט זיך דא. נישט אלע פון אונז ווייסן און פארשטיין די גרויסקייט פון אן אמן אבער אז מיר זען אז דער אר"י הק' האט אוועקגעגעבן צייט פאר אונז און עס געשעצט פארלאזן מיר זיך אויף דער מומחה, מיר ווייסן אז עס רעדט זיך פון א גוט געשעפט, פון די בעסטע אינוועסמענט וואס איז דא אויפ'ן מארק.

ברוך ה' אז מיר לעבן אין א וועלט וואו די דור ווייסט צו שעצן דער אמן. אונזער ארגינאזאציע ציילט זיך איבער 500 גבאים וואס ארגאנאזירן טעגליך 'אמן חברותא'ס און גיין אין די וועגן פון דער הייליגער צדיק און קענען אפשאצן די טייערקייט פון אן אמן.

אין אזא הייליגער טאג זאל טאקע אפהילכן די אמנ'ס, זאל זיין הנהגה זיין א לימוד פאר אונז, אז אויך מיר זאלן זוכה זיין צו די הייליגע שפע וואס ער האט ממשיך געווען דורך דעם.

זאלן מיר שוין בקרוב זוכה זיין אז עס זאל מקויים ווערן דער פסוק (תהלים עב יט): "וימלא כבודו את כל הארץ אמן ואמן".

## יתגבר כאר"י לעמוד בבוקר

מיט א קריאה פון "אפילו מאה נענה"!

**ובברכת שבת שלום,**

יערב דוד מארמארשטיין

## א וועכענטליכע מעשה איבער אמן און תפילה

# — די 'אמונה' ניגון וואס האט באגלייט כלל ישראל איבעראל —

אין די קומענדיגע שורות וועלן מיר אראפברענגען א הארציגע שילדערונג איבער די ברייט באקאנטע ניגון: "אני מאמין בביאת המשיח...".

**כידוע האט דער הארציגער און אמונה'דיגער ניגון באגלייט אידן איבעראל און צענדליגער טויזנטער אידן האבן געזינגען דעם ניגון ווען מען האט זיי געפירט אין די גאז קאמערן אין טרעבלינקא.**

**די הארציגע שילדערונג וועלכע מיר ברענגען דא פלעגט שטענדיג איבערדערציילן דער בארימטער מאדזשיצער קאמפיוזער רבי בן ציון שענקער ז"ל וועלכער האט פארגעליינט די געשיכטע פון א בריוו וואס עס האט געשריבן א לעבעדיגער עדות צום מאדזשיצער רבי דער בעל אמרי שאול פון מאדזשיץ:**

די גאסן זענען געווען לעדיג, אבער אז מען נייגט צו אן אויער קען מען נאך הערן די געוויינען, די זיפצערייען וועלכע הענגען נאך אין די לופטן, פון וואס עס האט זיך דא אפגעטון מיט א שטיק צייט צוריק. אויף די ערד וואלגערן זיך איבערבלייבעניש פון לעצט געבליבענע קליידער, דא און דארט קען מען זען א שיכעלע וואנדערט אהין און צוריק, א פעקל מיט זאכן וועלכע איז פארגעסן געווארן דא, טראפענעס בלוט, אלעס אינאיינעם איז א שטומער עדות קעגן וואס עס האט זיך אפגעשפילט דא, נישט אזוי לאנג צוריק.

נישט ווייט פון אונז, אריבער די גאס, שטיין זיי שורות אויף שורות, די פאליאקן,



דער בארימטער קאמפזירער
רבי עזריאל דוד פאסטאג הי"ד

די גויאישע שכנים וועלכע נעמען אונז ארום. מיט א צינישער און באהאלטענער שמייכל האבן זיי נאכגעקוקט די באן וועלכע האט זיך לאנגזאמערהייט דערווייטערט פון די שטאט, פון די אומשלאגפלאץ, די צפון זייט סטאנציע פון די ווארשע געטא, צו די טויט לאגערן טרעבלינקא.

טיף, צוזאמענגעפרעסט זענען די אידן געווען אין די באנען. אין זיי האט געהערשט פחד, אימה, די צודרוקטקייט איז געווען שרעקליך. קיין לופט איז נישט געווען אין איר. קיין וואסער מיט וואס צו שטילן די דארשט. יעדער פון זיי האט געוואוסט אז די רגע גייט אנקומען אבער דאך, ווען עס איז אנגעקומען, האט עס געכאפט יעדן איינעם אין א טאטאלער שאקירונג, ווי שעפלעך וואס זענען געפירט געווארן צו די שחיטה האט מען זיי געפירט.

די נסיעה האט זיך געצויגן און געצויגן. די זון האט געבאקן העכער זייערע קעפ. אויך די פאר'חליש'טע אידן זענען געבליבן שטיין אויף די אידן וואס זענען געשטאנען נעבן זיי. אנדערע גוטע שכנים האבן געטון דאס בעסטע וואס זיי האבן נאר געקענט צו פארגרינגערן די לאסט פון זייערע שכנים, אבער די האפענונג איז געווען שוואך.

יעדער איינער פון די אידן האט געוואוסט וואו מען פירט זיי. אין די לעצטע צייטן זענען זיי אריבער שווערע צייטן. פון איבעראל האט מען געקענט הערן קרעכצעריי, וויינעריי, אבער עס איז אויך געווען צווישן זיי אזאנע וואס האבן זיך געגרייט אומצוקומען אויף קידוש שם שמים, אריבערצוגיין פון די וועלט לעולם שכולו טוב.

אין איינער פון די וועגענער איז געשטאנען צוזאמענגעדרוקט די משפחה פון רבי עזריאל דוד פאסטאג הי"ד פון די חשובע און געהויבענע מאדזשיצער חסידים. א געהויבענער איד איז ער געווען, א תלמיד חכם מופלג, א שיינער קאמפיוזער, אז זיינע ניגונים זענען געווען ברייט באקאנטץ.




די נאטן פון די "אני מאמין" ניגון וועלכע רבי עזריאל דוד פאסטאג הי"ד האט פארפאסט.

ר' עזריאל דוד איז דאן געווען אלט בלויז 52 יאר. אלע זיינע יארן איז ער געווען באוואוסט מיט זיינע הארציגע און פלאקערדיגע תפילות. פון איבעראל פלעגט מען קומען אים הערן דאווענען פאר'ן עמוד. פון יאר צו יאר איז געשטיגן די באטייליגונג אז מען האט געדארפט ארויסדינגען פאר אים א זאל אין ווארשע.

רבי עזריאל דוד האט געוואוסט דעם סוד, ער האט געוואוסט אז זיינע שעה'ן זענען געציילטע. זיין הארץ האט געברענט, די פייערדיגע אמונה וואס האט אים אלעמאל באגלייט האט געקאכט אין אים און מיטאמאל האט ער ספטאנטיש אנגעהויבן זינגען די ניגון אויף אמונה אין ביאת המשיח.

זיין קאפ און זיין וועזן איז נישט געווען אויף די וועלט. עס האט געוואנדערט אין א העכערע וועלט, ער האט שפאצירט אויף די העכערע ספערן, די עולם הזה האט נישט געהאט אין זיינע אויגן קיין שום ווערד, ער איז געווען אנגעבינדן אין די חיי הנצח, זיין הארץ האט געגלוסט צו די ביאת המשיח, אז עס זאל שוין מקויים ווערן.

אני מאמין...! אני מ-א-מ-י-ן! א-נ-י מ-א-א-א-מ-י-ן! באמונה שלימה! בביאת המשיח אני מאמין! שטייט, פאמעליך, האט די ניגון זיך געהעכערט, עס איז געווארן העכער און העכער, אז די גאנצע באן האט עס אנגעהויבן זינגען, עס איז פארוואנדעלט געווארן אין איין שטיק געזאנג.

איין באן האט נאכגעשלעפט די אנדערע, די טרוקענע קערפער, די פארלאשענע נשמות האבן אנגעהויבן מיטזינגען איינער מיט די אנדערע ביז ווען מען איז אנגעקומען קיין טרעבלינקע.

"ואף על פי, ואף על פי, ש-י-ת-מ-ה-מ-ה, עם כל זה אחכה לו בכל יום שיבוא! אני מאמין!" עס האט אויסגעזען ווי די גאנצע וועלט מיט אירע העלצער זינגען מיט.

די קאלעך אויוון האט אויסגעזען נאנט, די גאולה אזוי ווייט, אבער די גאולה איז געווען שטערקער ווי אייביג.

ווען רבי עזריאל דוד האט געענדיגט זינגען האט ער זיך געוואנדן צו זיינע פריינט און זיי געבעטן די פאלגענדע בקשה, אויב איינער פון אייך לעבט איבער, שיקט אריבער די ניגון צו מיין רבי, דער מאדזשיצער רבי וועלכע זיצט אצינד אין ניו יארק.

איינער פון די באן רייזענדער האט איבערגעלעבט. דאס איז געווען א איד וועלכע איז ארויסגעטאנצן פון די פענסטער און נאך א לאנגע און ערשעפענדע רייזע האט ער מצליח געווען זיך אריבערצושמוגלען די גרעניץ פון שווייץ. דער איבערלעבער האט געדענקט די בקשה פון דעם רבי עזריאל דוד און זיכער געמאכט אז די ניגון ווערט אויפגעשריבן אויף א בלאט און אירע נאטן מיט די ערציילונג איבער איר קומט אן קיין ניו יארק, צו דער מאדזשיצער רבי, דער בעל אמרי שאול.

די בריוו איז אנגעקומען צום רבי'ן ניסן תש"ה.

דער רבי וועלכער האט דאן זיך דערוואוסט פון די איבערלעבענישן האט דערהאלטנדיג די בריוו זיך אנגערופן אז עס איז ביי אים נישט קיין ספק אז ווען רבי עזריאל דוד האט געזינגען האט מען אין די עולמות העליונים מיטגעזינגען.

יענער טאג איז פארגעקומען א ברית סעודה פאר איינער פון די אייניקלעך פון דעם רבי'ן. ביי די ברית סעודה האט דער רבי ארויסגענומען דעם בריוו און עס געוויזן פאר אלעמען.

ביי יענע סעודה איז אויך געווען אנוועזענד דער בארימטער קאמפזירער רבי בן ציון שענקער ז"ל. דער רבי האט אים געגעבן די נאטן און געבעטן אז ער זאל עס פארזינגען. א געוואלדיגע התרגשות האט אנגעכאפט אלע מיטגלידער. מיט טרערן אין די אויגן האט מען געזינגען די ניגון.

מיט די יארן איז דער ניגון געווארן א סימבאל פון אמונה, די ריינע אמונה וואס וועט ממשיך זיין צו באשיינען אידישע הערצער ביז ווען די גאולה שלימה וועט קומען צוגיין במהרה בימינו אמן.

# פניני אמונים

## פנינים בעניני תפילה
## פון די וואכעדיגע פרשה

### א 'התעוררות' וואס איז ממשיך אויך נאכ'ן דאווענען

**"וַיִּכְתֹּב מֹשֶׁה אֶת מוֹצָאֵיהֶם לְמַסְעֵיהֶם עַל פִּי ה'"** (לג ב)

א באקאנטער שאלה איבער דאווענען איז דא. מען וויל פארשטיין פארוואס פעלט זיך אויס אז ווען מען דאווענט זאל מען ארויסזאגן די ווערטער פון מויל - עס וואלט דאך געווען גענוג אז מען זאל זיי טראכטן אין הארץ - דער רבוש"ע איז דאך א יודע מחשבות און א בוחן לבבות?

**נאר געט רבי ישעיה יוסף דראהביטשער צו פארשטיין:**

די מטרה פון דאווענען איז דאך מעורר צו זיין ביי א איד די ידיעה אז השי"ת איז דער אדון הכול און אויב וואלט מען מתקן געווען אז די תפילה זאל זיין במחשבה וואלט דאס געהאלפן נאר ווען ער דאווענט פאר'ן בורא כל העולמים, אבער אין די רגע אז די דאווענען האט זיך געענדיגט איז עס שוין נישט דא די ידיעה. דאגעגן ווען א איד דאווענט מיט'ן קול איז די התעוררות ממשיך אויך נאכ'ן דאווענען, בפרט אז ער דערמאנט דער שם ה' ווי חז"ל זאגן אין די גמרא (מגילה כז ב) אז ביז אמות פון ווען מען ענדיגט דאווענען איז נאך די תפילה "סדורה בפיו" און זיינע ליפן שעפשענען עס און וועגן דעם איז מען מחייב צו דאווענען בקול, אז די התעוררות זאל בלייבן אויך אויף שפעטער.

דער יסוד איז מרומז דא אין פסוק. עס שטייט: "מוֹצָאֵיהֶם לְמַסְעֵיהֶם" - ווען א מענטש ציט ארויס די ווערטער פון זיין מויל האט ער א כח אז די ווערטער פון תפילה זענען אים מעורר אויף א לאנגע צייט און עס בלייבט ביי אים לענגער.

'חזון ישעיהו' - 'תפילה לעני'

# אגרות אמונים

## א בריוו פון א געטרייער ליינער

לכבוד די חשובע מערכת פון דער מערכת 'וכל מאמינים',

ערשטענס וויל איך דא אויסדרוקן מיין דאנק פאר די חשובע גליון וואס איר געט ארויס, עס געט מיר פערזענליך אסאך חיזוק אין די נושא.

ברוך ה' אז איך האב זוכה געווען אז אין די מנין וואו כ'דאווען איז טעגליך דא חברותא'ס וואס ענטפערן אינאיינעם אמן. די קרעדיט פאר דעם ענטפערן אמן ברבים קומט זיך פאר איין איד וועלכער האט זיך געפירט אזוי טעגליך און מיט די יארן זענען אלע אידן אין שול געווארן נאכגעשלעפט נאך אים און היינט איז עס א נחלת הכלל, אז די גאנצע שול זאגט אינאיינעם יעדן טאג ברכת השחר מיט א מנין.

עס איז באקאנט די ווערטער פון די גמרא (ברכות ו ב): "אמר רבי יוחנן: בשעה שהקדוש ברוך הוא בא בבית הכנסת ולא מצא בה עשרה - מיד הוא כועס, שנאמר: 'מדוע באתי ואין איש...'"

די וועלט פרעגט אז לויט ווי עס שטייט דא קומט אויס אז די טענה איז אויף מער ווי איין איד, ווייל א מנין איז דאך נאר מיט צען אידן.

לויט דעם וואלט זיך דער פסוק געדארפט ליינען: "מדוע באתי ואין **אנשים**?" פארוואס שטייט 'ואין איש' וואס איז משמע א לשון יחיד? נאר אין דער פסוק זעט מען דער געדאנק אז אסאך מאל פעלט זיך אויס אז נאר איינער זאל טון דערוועגן, ווייל אויב עס איז דא איין ווארעמער איד שלעפט ער נאך זיך די גאנצע מנין און דאס איז פשט אין דער 'ואין איש' אז עס פעלט דער איינער עסקן וואס זאל נאכשלעפן דעם עולם נאך זיך.

ברוך ה' אז אין אונזער שול האבן מיר זוכה געווען צו דער 'איינער'. דער איינער איד האט איינגעזען די גרויסקייט פון אן 'אמן' און אין זיין זכות ענטפערט דער גאנצער שול 'אמן'.

אגב קען מען צולייגן א רמז אז דער ווארט 'אי"ש' איז ראשי תיבות די ווערטער: "יהודי **שמייקר אמן**...".

איך וויל צולייגן אז מיר האבן דאך א מנין קבוע און עס מאכט זיך אסאך מאל אז פרעמדע אידן קומען און זענען זיך מצטרף צו אונזער מנין. האב איך אמאל געפרעגט א איד וואס שלעפט אים אהער? דו וואוינסט דאך ווייט אוועק פון דא? האט דער איד געגעבן צו פארשטיין אז אסאך מאל נויטיגט ער זיך אין א ספעציעלע סייעתא דשמיא און וויסנדיג אז דא הערשט א ספעציעלער סייעתא דשמיא ווייל דער זוה"ק זאגט [וילך רפה ב.] אז ווען איז נזהר צו זאגן אמן איז ווען ער שטעלט זיך דאווענען פאר הקב"ה איז דער קול מכריז אין אלע עולמות"פתחו שערים ויבא גוי צדיק שמר אמנים" (ישעיה כו ב) - אל תקרי 'אמונים' אלא 'אמנים'; 'פתחו שערים' - כשם שישראל פתחו שערי הברכות, כך ייפתחו בפניהם שערי תפילה, ותתקבל תפילתם און ווייל עס איז אזא מקום מסוגל לקבלת תפילה קומט ער אהער און דאווענט דא מיט אונז.

א הערצליכן דאנק פאר אייערע פעולות
ש.ל. - בית שמש

מען קען שיקן בריוון צו די פאקס: 08-9746102 אדער צו די אימעיל אדרעס: gmail.com@9139191




### טייערער איד!

יעצט איז דיין צייט, גיי דו אויך אין די וועגן פון דעם הייליגן אר"י הק' און זיי זיך מצטרף צו טויזנטער אידן אוועלטליך וועלכע פעדערן זיך און קומען פרי אין שול צו קענען ענטפערן אמן נאך די ברכות פון ברכת השחר פון אנדערע מתפללים.

### זיך אנצושליסן?

זוך אויף א 'נדרים פלוס' מאשין און פול דארט אויס די אפעליקאציע און מיר וועלן זיך פארבינדן מיט דיר.

די אידן וואס פולן אויס אן אפעליקאציע
וועט פארקומען א גורל אויף אן
ארגאנאזירטע רייזע מתפלל צו זיין אויף
די מקומות הק' מיט די גאנצע משפחה אין
א הערליכע און צוגעשטעלטע מיניוון.



די וואנט וואס נעמט ארום דער אלטער בית החיים אין די שטאט מאנטאווא וואו עס ליגט דער צדיק רמ"ע מפאנו

## דער הייליגער רמ"ע מפאנו ד' באב ש"פ

דער הייליגער צדיק רבי מנחם עזריה מפאנו איז געבוירן געווארן אין יאר ש"ח אין די שטאט פאנו שבאיטליה צו זיין פאטער רבי יצחק ברכיה פון די חכמים אין די שטאט.

זיין רבו מובהק איז געווען רבי ישמעאל חנניה וואל-מונטיני, כידוע איז ער אויך געווען א גרויסער גאון אין קבלה, די תורת הסוד האט געלערנט ביי זיין פעטער רבי עזרא מפאנו.

ווען ער איז אנגעקומען צו די עלטער פון שידוכים איז ער געווארן אן איידעם ביי רבי יצחק פואה פון די שטאט מאנטאווא. זיין שווער האט זיך געציילט פון די גדולי הרבנים אין איטאליע.

נאך די חתונה האט ער זיך באזעצט אין די שטאט מאנטאווא. דארטן האט ער געעפענט א ישיבה און עס האבן אנגעהויבן שטראמען צו אים תלמידים פון איבעראל.

נאך אין די יונגע יארן איז ער נתפרסם געווארן אלץ איינער פון די גדולי התורה.

אין יאר שנ"ז איז אנגעקומען קיין איטאלע דער גאון רבי ישראל סרוג און דער רמ"ע האט געלערנט פון אים די יסודות הקבלה פון דער אר"י הק' און די לימוד האט ער פארשפרייט איבער גאנץ איטאליע. אין דער ספר שאילת יעב"ץ [סימן לג] שרייבט אויף אים דער יעב"ץ:"הלא הוא הרמ"ע ז"ל איש חמודות המולך בחכמת האמת, ובכל תושיה לו עשר ידות, ומי בכל בית הזוהר כמוהו נאמן וסר למשמעתו".

מער ווי דרייסיג ספרים איז ארויסגעקומען פון אים. די מערהייט פון זיי זענען געווען איבער חכמת הנסתר ווען נאר געציילטע פון זיי איז בתורת הנגלה.

די ספרי קודש זענען געווען זייער אויפגעכאפט אין כלל ישראל און עס איז געווארן איבערגעדרוקט אין מערערע מהדורת.

א חלק פון זיי זענען נאכנישט געדרוקט געווארן ביז היינט.

דער רמ"ע איז נסתלק געווארן אין די שטאט מאנטאווא ד' אב אין יאר ש"פ און איז באגראבן געווארן אין דער בית החיים פון די שטאט. אין דער ספר 'עמוד העבודה' פון דער רבי ברוך מקאסוב (דרוש המחשבה אות י) שילדערט ער די וועג פון זיין הסתלקות. ער שילדערט עס מיט די ווערטער: "ושמעתי וקבלתי ממגידי אמת, שמיתת הרמ"ע מפאנו היה כן מיתת נשיקה, שהתקשר נשמתו למעלה ונפל לארץ מושלך כאבן דומם ונשאר מת על הארץ, ויהי רצון שיהיה אחריתי כמוהו, אשרי לו".

לכבוד די יארצייט פון דעם צדיק וועלכער פאלט אויס דעם קומענדיגן דארנעשטאג ד אב און דאן וועט מען אפצייכענען פיר הונדערט יאר מיט פיר יאר פון זיין פטירה וועלן מיר דא אראפברענגען די תמצית פון א תשובה וואס ער שרייבט איבער די חובה פון ענטפערן נײַנציג אמנ'ס יעדן טאג. די תשובה איז געדרוקט אין שו"ת הרמ"ע מפאנו [סימן קט] און עס ווערט אויך אראפגעברענגט להלכה אין מגן אברהם [ו.ט].

אין זיינע ווערטער איז דער רמ"ע מוכיח אז אין די נײַנציג אמנ'ס ווערט נישט אריינגערעכענט די אמנ'ס וואס מען ענטפערט ביי קדיש, ווייל אן אמן איז דווקא אויף א ברכה און ער פירט אויס אז וועגן דעם דארף מען הערן די ברכת השחר דווקא פון די מתפללי בית הכנסת.

### "צדיק" אדער "צדקה"

דער רמ"ק (סידור 'תפילה למשה' דף נט ע"ב) ברענגט אראפ בשם דער הייליגער זוהר הק' אז די זאכן וואס א איד דארף זאגן יעדן טאג זענען מרומז אין דערווארט "צדיק". די ווארט צדיק איז די ראשי תיבות פון די פאלגענדע: צ' אמנים, ד' קדושות, י' קדישים וק' ברכות, ווייל ווערט עס פירט זיך אזוי איז א צדיק אן קיין צווייפל. דער רמ"ק לייגט צו אז עס איז דא וואס זענען גורס "צדקה" און אנשטאט די י' וואס איז מרמז אויף צען קדישים ציילן זיי די 'ה' אז עס גייט ארויף אויף ה' חומשי תורה.

טראץ וואס ביידע נוסחאות זענען מחייב אז מען זאל ענטפערן צ' אמנים יעדן טאג, דאך איז דא חילוקים צווישן זיי וועלכע אמנ'ס זענען משלים די חובה. לויט די גירסא פון "צדיק" קען מען מצרף זיין נאר אמנים וואס מען האט גענטפערט אויף ברכות און אמנים וואס מען ענטפערט נאך א קדיש ווערט נישט גערעכענט ווייל אויף קדיש איז דאך די די - י' קדישים. אבער לויט די גירסא אז די דברים שבקדושה זענען מרומז אין די ווערטער פון "צדקה" קען מען יא רעכענען אין די נײַנציג אמנ'ס אויך די אמנ'ס וואס מען ענטפערט נאך קדיש, ווייל לויט די גירסא איז קדיש נישט קיין טייל פון די אמנ'ס.

### "צדיק" ולא "צדקה"

נאכ'ן אראפברענגען דער מהלך ברענגט איז דער רמ"ע מפאנו דן וועלכע גירסא זאל מען אננעמען הלכה למעשה: צי זאל מען גורס זיין "צדיק" צי נעמט מען אן די גירסא פון "צדקה".

נאך א לענגערע דין ודברים איז דער רמ"ע מוכיח אז די גירסא פון "צדיק" איז די ריכטיגע גירסא ווייל דאס איז א מעגליכע זאך און ווי ער זאגט עס איז א 'דבר השוה לכל נפש' משא"כ לויט די גירסא פון "צדקה" קומט אויס אז דער 'ה' גייט ארויף א מען מוז לערנען יעדן טאג חמשה חומשי תורה און דאס איז נישט א דבר השוה לכל נפש.

נאכ'ן אראפלייגן די דערמאנטע יסודות קומט דער רמ"ע אן צו די מסקנא אז אפילו כ'וועל זאגן אז ביידע נוסחאות זענען שיינע מהלכים און מען דארף מיישב זיין ביידע און די זעלבע שרייבט אויך דער רמ"ק אז ביידע נוסחאות זענען אמת אבער ווייל די גירסא פון "צדיק" איז אמת זאל מען מפקיד זיין הלכה למעשה אויף דעם און מען זאל טעגליך ענטפערן נײַנציג אמנ'ס אויסער די אמנים וואס מען הערט ביי קדיש.

### ברכות השחר מיט אנדערע

איינמאל די יסוד איז קלאר ווערט שווער ווי אזוי מען קען עס אויספירן פראקטיש. אויב זאג איך אז מען קען רעכענען די אמנ'ס פון די קדשים קומט מען גרינג אן צו נײַנציג אמנ'ס אבער אן דעם ווי אזוי קומט מען צו דעם?

די שאלה פרעגט מען פאר רמ"ע מפאנו און ער איז מציע אז מען זאל טאקע הערן ברכת השחר פון אנדערע.

פאלגענדע זענען זיינע הייליגע ווערטער:

"ומה טוב להנהיג ששליח ציבור יברך ברכות השחר בקול רם, והעונים יכוונו שלא לצאת ידי חובת ברכה. ולא זו בלבד [שכן אין די בשמיעת ברכות השחר פעם אחת להשלמת מכסת תשעים אמנים על ברכות] אלא חברים הישנים בחדר אחד, וכגון הני 'ציפי דבי רב' [ברכות כה ב, ופירש"י: "מחצלות של בית המדרש" שלומדי בית המדרש נהגו לישון עליהם], ישכימו לברך כל אחד לעצמו וחבריו יענו אמן, ואחרי כן אל בית אלקים יהלכו ברגש. ומי שמברך לעצמו ואחרי כן אשתו ובניו גדולים וקטנים מברכים לו כהאי גוונא, אין לך רעים אהובים יותר מאלה, **והוא הדין למברכים בבית הכנסת זה אחר זה לזכות את הרבים שיענו אמן בכנופיא [בהתכנסות, בצוותא], וכולן בכוונה שלא לצאת**".